„Radomer-Kielcer Leben" 21 (311) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאַהרגאַנג VII-ער פּרייז 25 גראָשן

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 8 זײַטן.

Radom, Piątek 30 Maja 1930 r.

ראַדאָם, פרייטאַג ג׳ סיון תר״צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

**אַנאָנסען - פּרייז:**

אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ׳ן " 25 "

די ז-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 „

פר״ל ל. פרידמאַן
מיט ה׳ ש. מעלכיאָר
צו זייערע תנאים
אַ האַרציגען מזל - טוב
און די עלטערן פיל נחת.
יוסף, אסתר און שרה
סאָקאָלאָווסקי.

אונזער חבר אביש מינצבערג
צו דער פאַרלאָבונג מיט פרי׳ מאַניע בלייבערג אויס אָסטראָוויעץ
ווינשען אַ חבר׳ישען מזל-טוב
לייבל זילבערשטרום,
משה גײַדיק,
בונם צוקער.

צו דער פערלאָבונג
פון פרל. מאַניע בלייבערג
מיט ה׳ אביש מינצבערג
ווינשט פיל גליק
פאַמיליע ליכטענשטיין.

לחברי אבוש מינצברג
לרגלי ארושיו את העלמה
מינדל בלייבערג
שולח ברכות לבביות.
יוסף קויפמאַן.

שיינע מרים, ש. דזשיגאַן, אַלאַ שטלי
י. ריינגלאַס אַ. אנד. אין דעם אויסנעצייכענטען שלאַגער - פּראָגראַם א. נ.
# חי-געלעבט
הומאָר — געזאַנג — טענץ.
קינסטלערישע אויפזיכט: משה בראָדערזאָן, אימפּרעסאַריאָ מ. ציטרינאָווסקי.
בינע-אינספּעקטאָר: ס. קאָן. בילעטען פריער צו בעקומען ביי א׳ צווייגהאַפטיג.

טעאַטער
„ראָזמאַיטאָשטשי"
מאָנטאָג דעם 2 און דינסטאָג דעם 3 ה.ח.
בינקליך 9 אָוונט
צוויי פאָרשטעלונגען פון
„אררט"
פּרעמיערע!

בבירכת מז״ט חמה ולבבית
הנני מכבד לחברי בן - אחי
אביש מינצבערג
לאירושיו את העלמה מרת
מינדעל בלייבערג
תחי דרכם צלחה בחיים וסוגה בשושנים
אלימלך מינצבערג.

מיט די הערצליכסטע גליקוואונשען גראַטולירען מיר אונזער פריינד
ה׳ כעניעק קעסטענבערג
צו זיין חתונה מיט פרל׳ ליובאַ לאַנדאַו
מיר ווינשען זיי אַ גליקליכע צוקונפט און אַ צופרידען צוזאַמענלעבען
ברוח הציונית האמיתית.
ישעי׳ קירשבערג און פרוי, שמואל לייזער ווערבער און פרוי,
יעקב יוסף מאַגנישעווסקי און פרוי.

אונזער ה׳ אביש מינצבערג
און פרל׳ מאַניע בלייבערג
צו זייערע תנאים — די האַרציגסטע ברכות.
רוזשקע, בנימין זיאַלינסקי
סאַלקע, מאָטעק בירענבוים.

ריינקייט איז געזונד. — ריינקייט איז געזונד.
די פּאַראָווע פּאַרבעריי און די כעמישע פּראַלניע
# O. R. HEMPEL
אין ראַדאָם.
וועלכע האָט איהרע אַנ- שטאַלטען אויף דער **אַלטע שטאָט 5** טעלעפאָהן — 521 —
און וועלכע עקזיסטירט פון יאָהר 1880
מאכט בעקאַנט, דאָס פאַר דער בעקוועמליכקייט פון דער ג׳ קליענטעלע
האָט די פירמע געעפענט **אַ נייע פיליע**
**אויף זשעראָמסקי (לובלינער) נומ. 1.**
צוגענגליכע פרייזען :—: סאָלידע אַרבייט.
ריינקייט איז געזונד. — ריינקייט איז געזונד.

Koledze
Heńkowi Kestenbergowi
z intencji Jego zaślubin z p.
Lubą Landauówną
wiele szczęścia na nowej drodze życia
życzy *Chil Frydman*

אונזער אקטיווען חבר
אברהם רייכער
צו זיין פערלאָבונג
מיט פרל. ווייסבראָט
ווינשען מיר ער זאָל בויען זיין נעסט
אויף די בערג פון יהודה.
חברים פון רעוויזיאָניסטישען
פערבאַנד אין ראַדאָם.

GARBATKA
Pensjonat **L. ROSENBERGOWEJ**
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY
został z dniem 20 maja r. b. otwarty
*Rutynowana freblanka*
**Kuchnia zdrowa i rytualna**
Przyjmuje zamówienia na święta Szewuoth.

**Za bezcen**



**PEPEGE**

DETALICZNIE

**Obuwie Ludowe**
z przyszywaną podeszwą,
na obcasie, Nr. 35 do 41 . . zł. 4,60

**Obuwie Sportowe**
z przyklejoną czarną podeszwą,
i wysoką tylną obsadą
Nr. 35 do 41 . . . . zł. 6,—

*Żądajcie wszędzie*
*tylko marki „Pepege“*
*z podkową*

MARKA TAB.


# פון „טאז“.

**זומער-קאלאניעס אין גארבאטקא**

דען 10-טען יוני פארט אב א גרופע (50 קינדער) אויף דעם ערשטען סע- זאן פון די זומער-קאלאניעס אין גאר- באטקא.

איינשרייבען זיך קאן מען אין ביורא פון טאז (דלוגא 24) ביז דעם 1-טען יוני. די צאהל ערטער איז בעגרעניצט.

די קאלאניע געפינט זיך אין וואלד און בעשטעהט פון 2 ווילעס (6 צי- מערען).

די קוך ווערט געפיהרט ריטועל (כשר).

• • •

**פאוויס-קראנקע (אומריינע קעפ)**

קירצליך פאהרט אב קיין ווארשא, אין דער צענטראל-סטאציע פאר רענט- גען-היילונג פון „טאז“, א גרופע קינ- דער, קראנקע אויף פאוויס (אומריי- נע קעפ).

איינשרייבען זיך קאן מען נאך ביז ביז דעם 15 יוני ה. י.

• • •

**אלגעמיינע יערליכע פערזאמלונג**

דעם 26 אפריל ה. י. איז פאר־געקו- מען די יערליכע אלגעמיינע מיטגליע- דער-פערזאמלונג פון היגען „טאז“ און עס זענען פארגעקומען וואהלען. דער צוזאמענשטעל פון דער פערוואלטונג און רעוויזיאן-קאמיסיע האט זיך נישט געענדערט.

# צי געהען די אלטע דאזארעס איבערנעמען צוריק די מאכט אין גמינע?

א גאנצע וואך האבען איבער'ן שטאט קורסירט קלאנגען, אז די אלטע דאזא- רעס געהען צוריק ארויף אין גמינע און די נייע געהען אראב. די קלאנגען זענען ארויסגעלאזט געווארען נאך פא- ריגען פרייטאג נאכדעם ווי ס'איז צו- ריקבעקומען א דעלעגאציע פון ווארשא. איייניגע געזו. דאזארעס האבען אפילו ערקלערט, אז די שעה'ען פון זייער ארויפגעהן אין גמינע זענען געצעהלטע. אין שטאדט האט דאס ארויסגערופען א סענסאציע און יעדער איז געווען טשעקאווע וואס ס'איז געשעהן.

די דעלעגאציע איז דאס מאהל בע- שטאנען פון די ה"ה יוסיל קעניגסבערג, יחיאל פרענקעל, מענדעל הורוויטש, י. ד. טייטעלבוים. זיי זענען געווען צוויי מאהל ביים דעפ. העשעל פארב- שטיין. פון ווארשא איז די דעלעגאציע געפאהרען קיין קעלץ, וואו זיי האבען אויך געבראכט זייער אדוואקאט פאז- נאנסקי (וואס איז געפאהרען קיין פא- ריז בעשולדיגען שווארצבארד'ן). די דעלעגאציע האט גראד געטראפען ביים וואיעוואדא דעם איגען סטאראסטא, פאר וועמען זי האט פארגעשטעלט דעם ה' פאזנאנסקי און ערקלערט, אז ער איז דער שטענדיגער פערטיידיגער אין די פריהערדיגע פראצעסען פון דער אל- טער גמינע. און, אז ער וועט אויך דאס מאהל אויפ'ן ה' סטאראסטא'ס דעציזיע וועגען פונאנדערלאזען די גמינע, אפע- לירען אין העכסטען געריכט.

דער ה' סטאראסטא האט אויף דעם ערקלערט, אז ער האט געמוזט נאכקו- מען דעם ווילען פון די ברייטע מאסען פון דער יודישער בעפעלקערונג, וואס האט עפענטליך פראטעסטירט און אנ- גענומען שארפע רעזאלוציעס געגען דער אלטער גמינע. ער קען זיך דערי- בער נישט רעכענען מיט פרעמדע אינ- טערווענצען, וועלכע טראגען מכלומרש'ט דעם כאראקטער, דאס זיי רעדען אין נאמען פון דער שטאדט, בשעת אין דער ווירקליכקייט ווערען די אלע אינטערווענצען געפלאנט דורך איינצעל- נע פערזאנען און דאס אויף א קאנס פיראטיווען אופן.

אויף דעם סמך פון די השתדלות'ען אין ווארשא און דער אינטערווענץ פון אדוו. פאזנאנסקי אין קעלץ זענען ענט- שטאנען די דערמאנטע קלאנגען, אז די אלטע געהען ארויף און די נייע געהען אראב. די לעצטע טעג זענען די קלאנגען שוואכער געווארען און די אפטימיסטיש-געשטימטע געזו. דאזארעס ווייזען שוין נישט אן געניי און קאנק- רעט ווען זיי געהען צוריק ארויף אי- בערנעמען די מאכט.

ווי מ'הערט, האט די היינטיגע גמי- נע דעלעגירט א קאמיסיע פון פאכמע- נער, צו מאכען א לוסטראציע פון דער גאנצער טהעטיגקייט פון דער פריהער- דיגער קהלה. די קאמיסיע זאל האבען די אויפגאבע ווי אמשנעלסטען דורכצו- פיהרען, כדי מיטצוטיילען דער עפענט- ליכקייט וועגען די איפגעטהוענע מע- שים פון די אלטע גמינע, וועלכע וויל זיך נישט בעגנוגענען מיט דער מילדער שטראף פון זייער אוועקגעהן פון דער מאכט.

• • •

די קהלה זאל די נעכסטע טעג צו- נויפרופען א קאנפערענץ, אויף וועלכע ס'וועלען איינגעלאדען ווערען פארשטע- הער פון אלע ארגאניזאציעס און אינ- סטיטוציעס און בכלל אנגעזעהענע מענשען פון שטאדט, ווי אויך פאר- שטעהער פון דער יודישער און פוי- לישער פרעסע.

ביי א גלעזעל טהיי וועט אבגעגעבן ווערען א בעריכט פון דער ביז-איצטי- גע קהלה-טהעטיגקייט און וועגען דער ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט בש- תיקה פון יחידים, וועלכע ווילען נישט אבשטעהן און פיהרען ווייטער א העץ- קאמפאניע.

# פון דער געזעלשאפט „עזרה“.

אויפ'ן היינטיגען שבועות, ווי אלע יאהר, ווערט דורך „עזרה“ פערטיילט א גרעסערע צאהל פאמיליעס שטיצע אין נאטור. די נכבוד'ע נצרכים בעקו- מען צוגעשיקט א היים פערטרויליך (דורך א פערוו.-מיטגליד) א באן—א ניש- נאמענטליכען—אויף וועלכען ער וועט בעקומען מעהל, ארבעס, חלות און קאווע.

פון זונטאג דעם 8/6 וועלען ווערען אבגענומען ביטעס פון די, וועלכע ווי- לען געניסען פון דער קוראציע אין בוסק. דער סעקרעטאריאט וועט אזעל- כע זאכען ערלעדיגען פון 10 ביז 2 מיטאג אין פון 6 ביז 8 פארנאכט.

## פון דער ציוניסטישע אר-גאניזאציע אין ראדאם

מאנטאג דעם 1-טן טאג שבועות 4 אז. נ. מ. קומט פאר אין לאקאל פון דער ציונ. ארג. (לובלינער 25) א רע-פעראט א. ד. מ. „דער מצב אין א"י נאך די געשעהעניש׳ען". עס וועט רע-פערירען ה׳ חיים ראזענצווייג (בן מנחם) דער ערשטער ראש הקן פון השומר-הצעיר אין ראדאם. איצטיגער פארזי-צער פון „אגודת פועלי האוניברסיטה בירושלים".

— איינגאנג פאר מיטגלידער פריי — נאכ׳ן רעפעראט דיסקוס עס.

## פון לעהרער-פעראיין

דעם 1 און 2 משערוויעץ קומט פאר אין ווארשא דער אליעהרליכער צוזא-מענפאהר פון די מיטגלידער פונ׳ם פראפעסיאנעלען פעראיין פון די לעה-רער אין די אידישע גימנאזיעס. די ראדאמער אבטיילונג פונ׳ם פעראיין אויף איהר אלגעמיינער פערזאמלונג אונטער דעם פארזיץ פון פראפ. ר. האלצקענער האט אויסגעוועהלט פרא-פעסאר פרוי ר. בארענשטיין אלס דע-לעגאטין צום צוזאמענפאהר. אויף דער פערזאמלונג אויסער פראפעסיאנעלע פראגען איז לויט׳ן פארשלאג פונ׳ם פראפעסאר אינזשיניער ש. אייזענבערג אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וועלכע פראטעסטירט שארף געגען דאס צומאכען די טויערן פון ארץ-ישראל פאר דער אימיגראציע פון די אידישע חלוצים. דער דעלעגאטין איז אויך גע-געבען געווארען דירעקטיוועז פארצי-לעגען און אונטערשטיצען א עהנליכע רעזאלוציע אויף דעם צוזאמענפאהר אין ווארשא.

## איבערגעגעבן צו דער פראקוראטור

ווי מיר הערען, האט דער ה׳ סטא-ראסטא, אין צוזאמענהאנג מיט דער לעצטענס דורכ געפיהרטער רעוויזיע אין גמינע פון די בעאמטע אין סטאראסט-ווא די ה"ה בעטקער און סטעלמאכאוו, און אויפ׳ן יסוד פון די ענדגילטיגע פעסטגעשטעלטע רעזולטאטען פון אט דער רעוויזיע—אפיציעל איבערגעגעבן די ה"ה מוליער און רובינליכט צום פראקוראר פאר פיהרען א אומגעלומ-פערטע ווירטשאפט אין קהלה און פאר פעלשען פראטאקאלען.

## אקציע „קרן תל-חי"

דער וועד פון ברית הצוה"ר אין ראדאם הויבט אן די אקציע פאר „קרן תל-חי". דאס איז דער איין און איינציגער אויפבוי-פאנד פון דער יו-דישע מלוכה. די אקציע וועט זיין א כפעציעלע שבועות-אקציע, וועלכע רא-דאם דארף זי אונטערשטיצען און ארויסווייזען אין יעצטיגען מאמענט איהר אפפערווילינקייט. דעריבער שי-קען מיר די טעג ארום אונזערע בע-פולמעכטיגטע מיט „נעלעפקעס", וועלכע מאהלען דעם סימבאל פון די „הגנה" (זעלבסטשוץ). האפענטליך דאס, דאס אידישע ראדאם וועט זי געהעריג זיך בעשטייערען לטובת דעם נאציאנא-נאלען פאנד.

דער „קרן תל-חי" איז א היילינע ארבייט אין דער יעצטינער שעה!!

„קרן תל-חי" דארף איצט שטארקען און פערפעסטיגען די פאזיציעס פון בעדראהטען ישובו!!!

הועד העירוני

„קרן תל-חי"

— רדום. —

## דער פרווו האט זיך איהם איינגעגעבן...

שוין 10 יאהר וואהנט ער מיט זיין ווייב און קיין קינדער האבען זיי נישט. טענה׳ט דאס ווייב, אז די סבה איז ער, און דער מאן ווידער טע ה׳ט, אז ער איז גארנישט שולדיג און נאר זי. דאס ווייב איז נישט מאמע-פעהיג.

פערשטעהט זיך, אז ביי אזעלכע טענות האט דער שלום-בית צווישען פאר-פאלק אנגעהויבען צולייד[ע]ן. בינו לבינו האט זיך דער מאן מישב געווען און נאכדעם ווי ער איז געווען א ביסעל פעסימיסטיש געשטימט, פרובענדיג גלויבען, אז אפשר איז זיין ווייב טאקע גערעכט — איז ער געפאלען אויף א „אריגינעלע" המצאה, וואס זאל איינ-מאהל פאר אלע מאהל קלאר מאכען דעם ענין און בעווייזען ווער פון די צדדים איז גערעכט: ער, צי זאס ווייב.

דעם איינפאל, וואס ער האט אויסגע-טראכט, האט ער טאקע באלד רעאלי-זירט און די רעזולטאטען זענען געווען אזעלכע, אז אלע, אזוי ער, זיין ווייב און נאך א דריטע זענען ממש איבע-ראשט געווארען. דער מאן האט זיך בעקענט מיט א מיידעל און פון דער קענטשאפט איז אויסגעוואקסען א פיי-ערדיגע ליבע, און פון דער ליבע איז געבוירען געווארען א זאך, וואס האט קלאר און דייטליך געוויזען, אז ער איז בכח צו ווערען א טאטע און אויף דעם יסוד איז ער טאקי געקומען. צום הרב קעסטענבערג, אז ער וויל זיך גט׳ן

(ווייטער—לעצטע זייט).


# גענוסט פון דער זעלטענער געלעגענהייט!

# די ראדאמער שטאדטישע גאזאווניע

פיהרט אויס גאז-אינסטאלאציעס אויף די בעסטע בעדינגונגען,

ראטעס אויף א טערמין פון 12 מאנאטען.

ווען א גרעסערע צאהל לאקאטארען פיהרען דורך די גאז-אינסטאלאציעס אין זייערע וואהנונגען

דאן קאסט דאס מיט גאנצע 50% ביליגער

**ספעציעלע גאז-אפאראטן** צו קאכען, צו הייצען, צו פרעסען, אויף בעדער, אויף פערשידענע אנדולאציעס איז שטענדיג צו בעקומען אויף סקלאגער אין די גאזאווניע.

**קאקס גראבען** פאר צענטראל-בעהייצונג אין פאר קוזשניעס און **קאקס דראבנע (מיאל)** פאר ציגעלניעס איז צו בעקומען אין יעדען קוואנטום אין דער גאזאווניע.

אויף דעם בעסטן סארט **פרעפארירטע סמאלע** צו שמירען דעכער צו די נידריגסטע פרייזען פערקויפט הורט און דעטייל די גאזאווניע.

**קארבאלינעאום בענזאל** צו פרעפערירען האלץ אויף צו פיהרען ברען-מאטארען פערקויפט יעדען קוואנטום די גאזאווניע.

ווער עס וויל זיך מאכען דאס לעבען בעקוועם, איינארדנען זיין ווירטשאפט אויפ׳ן פראגרעסיוון און עסטעטישען פארמאט און איבערהויפט פאר נישט טייער געלד און אויף צוגענגליכע בעדינגונגען דארף נישט פערזאהמען נאר בעצייטענס ווענדען זיך אין די גאזאווניע פערזענליך אדער טעלעפאניש לויט דעם נומער טעל. 134 אדער בריפליך אויף דעם פאסט-קעסטעל נומער 28. ווי פאר א קליינע איינצאהלונג אלס אנגאבע ווערט זיין וואהנונג בעגייט מיט די אלע איבענדערמאנטע מכשירים, וואס בעשאפען איהם נאר צופרידענהייט און בעקוועמליכקייט.

ZARZĄD GAZOWNI MIEJSKIEJ

w RADOMIU.

ענדע פון זייט 6.

מיט זיין ווייב, וועלכער ס'קומט על פי דין נאך 10 יאהר נישט האבען קיין קינדער א גט.

די דין-תורה האט זיך פערשלעפט צוליב געלד-תביעות, וואס דאס ווייב האט ארויסגעשטעלט און דער מאן איז דערווייל אוועק צום מיליטער און געווארען א זעלנער. די טעג איז דער זעלבער ווידער געקומען צו הרב קעסטענבערג איהם איינלאדען אויפ'ן ברית און דרך אגב פערלאנגט א טובה, ער זאל איהם געבען א קוויטעל אין פולק אריין מ'זאל איהם בעפרייען אויף א טאג, כדי ער זאל קאנען זיין אנוועזענד אויפ'ן ברית פון זיין קינד.

הרב קעסטענבערג האט זיך אבגעזאגט פון כבוד און אויך זיין צווייטע בקשה נישט ערפילט, מחמת ער האט נישט געגט זיין ערשט ווייב און מיט'ן מיידעל נישט געשטעלט קיין חופה.

## „חי — געלעבט".

שוין לאנג נישט געזעהן פרעהליך ביי אונז אין שטאדט. ס'איז שטיל. יעדער דרעהט זיך ארום מיט זיינע צרות'לעך. קריזיס, ארבייטסלאזיגקייט הקיצור — טרויריג...

האט טאקע „אררט" נישט געקענט צוזעהן אונזער צער און זיך מרחם געווען אויף אונז.

אויף זייער טורנעע איבער פוילען וועלען מיר דא האבען ביידע טעג שבועות, ד. ה. מאנטאג דעם 2-טען און דינסטאג דעם 3-טען אין „ראזמאיטאשטשי" די בעליבטע „אררט"-פרעמיערן שיינע מרים, שמעון דזשיגאן, אלא שעלי יעקב ריינגלאס. מ'וועט קאן א. א. אין דעם הערליכען לעבעדיגען שלאגער-פראגראם, וואס איז געגאנגען חדשים-לאנג ביי אויספערקויפטע טעאטער א. נ. „חי-געלעבט".

„אררט" איז אין לאדז זעהר פאפולער און נעמט זעהר אויס ביים עו-

אשער פובליקום. אין ראדאם איז ער א סניפ-חדשות, אבער מיט זיינע צוויי אויפ-ריטען ... עט זיך אויך דער היגער עולם דערקענען אויף איהם.

דער היגער טעאטער-עולם מעג זיך פערגינען לכבוד יום-טוב און קומען צאהלרייך אויף די פארשטעלונגען.

## די שוועסטערן האלאמא

די בעריהמטע טענצערינס שוועסטערן האלאמא טרעטען-אויף אין טעאטער ראזמאיטאשטשי מיטוואך דעם 4 מאי. די האלאמא'ס האבען זיך מיט זייער טאנץ-קונסט ערווארבען א שטאגער-נאמען אין גאנץ פוילען.

## אויפפאדערונג.

דערמיט פאדערען מיר אויף צו אנ'צאהלען-געריכט אין הסנדה,-קלוב אויף מיטוואך דעם 4 טען 7 אז. פת, דעם ה' שמואל צוקער מעהל-סוחר וואלנאשטש 2) פאר בעליידיגען דעם פאקער פאך-פאך איז גצבעגיצרט פון 6 פערזאן פון דערמאנטען בעקער-פאך. אין בעפאל וועלען מיר ארויסטרעטען געגען איהם געריכטליך.

אשר בירענבוים, מענדיל ראזענבוים, חיים לערמאן, מענדיל בארענשטיין, אייזיק קאסמאן, אייזיק קערשבערג.

מיר רופען איהם צום צווייטען מאהל, נאר איהם אליין און נישט קיין צווייטען.

דער פרעזעס דאך פאדערט אויף די אונטער-געשריבענע, פינקטליך צו קומען, אויב נישט וועלען זיי ארונטער דעם זעלבען אחרון-געריכט.


בית התפלה לשבתות
בגרבאטקע
במזרח היער (פאד - ליאס)
אכסדרה 37
עת התפלה בשחרית בשעה 9.

וויכטיג נייעס
פאר אבות. און שוסטער-בראנזשע!
אנשטאט אין האנד נעם איך אן צו נייען קעדרעס מיט זייד.
אויף א ספעציעלע מאשין
— שנעל, שעהן, ביליג. —
קומט איבערצייגט אייך!
ביי: מ. רינגערמאכער
לובלינער 3, ערשטער שטאק
פאבריק פון סאנדאלין.

זומער-קאלאניעס אין גארבאטקא
די ראדאמער אבטיילונג פון „טאז" מאכט בעקאנט דאס ביז דעם 1-טען יוני ה. י. קומען פאר יעדען טאג די איינשרייבונגען אויף די זומער-קאלאניעס פאר אונפערמעגליכע שול-קינדער אין גארבאטקא.
די איינשרייבונגען קומען פאר אין ביורא פון „טאז" (דלוגא 24) פון 11 ביז 1 אזייגער נ"מ. די צאהל ערטער איז בעגרעניצט.

Z intencji zaręczyn p.
Matyldy Ejzenmanówny
z p. Sinkiem Chajtem
życzymy wiele szczęścia w życiu
*Andzia i Jakób.*

Z intencji zaręczyn p.
Matyldy Ejzenmanówny
z p. Sinkiem Chajtem
życzą im różowej przyszłości
i wiecznego zadowolenia
*Izak Furman.*

נייעס פאר ראדאם!
יעדער ווייסט, אז די בעזונדסטע און געשמאקסטע מיטאגען בעקומט מען נאר ביי אברהם מענטליק
אויף ספעציעל בעדייטענד ביליגער פאר ראדאמער.
מיט אכטונג אברהם מענטליק לובעלסקא 2

Teatr ROZMAITOŚCI — ŚRODA 4 czerwca 1930 r.
Tylko jeden raz wystąpią
Gwiazdy teatru „MORSKIE OKO"
Jedyne w Polsce fenomenalne tancerki
SIOSTRY HALAMA
w swoich najlepszych i najnowszych kreacjach
UDZIAŁ BIORĄ: Niuta BOLSKA znakomita artystka, pieśniarka scen warszawskich
Wacław ZDANOWICZ b. artysta „Qui Pro Quo" i „Nowości"
Początek o godz. 8.30 w. szczegóły w programach.

Kino NOWE CZARY Teatr
Dziś i dn. następnych
ROZPĘTANE ŻYWIOŁY dramat miłości w 10 ak.
w rolach głównych: Vilma Banki i Ronald Colman.
W OBRONIE KOBIETY w rol. gł.: JACKIE COOGAN

Kino dźwiękowe „ŚWIT"
Aparatura dźwiękowa „Western Elektric"
Dziś i dni następnych
Siódme przykazanie w rolach głównych: Janet Gaynor, Charles Farre
Nad program: Liczne, dosk. dodatki dźwiękowe

אכטונג! ראדאמער לעטניקעס! אכטונג!
איך מאך בעקאנט, דאס מיין לאנגיעהריגער פענסיאנאט — אין — גארבאטקע
איז אפען
און געפינט זיך אין גרויסען וואלד אין דער ווילע נומער 19
און איז איינגעארדענט מיט די בעסטע בקוועמליכקייטען.
זוניגע צימערען, געשמאקע קיך
און זארגפעלטיגע בעהאנדלונג פאר די געסט.
מיט אכטונג אייזענמאן.







Wystrzegać się naśladownictw




o podobnym brzmieniu

פעלדשער ה. [illegible]רינשטיין, ראדאם, לובעלסקא 30. פרישע מאטריע.


Redaktor Ch. M. Herc — Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom, Szwarlikowska 20.